Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der neyer "Seyfer ha-drosheṡ"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheṡ

Sefer Be-reshit - parashot Ṿa-yera, Ḥaye Śarah

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**

**Iaşi, 1937**

Toledot

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4437**

Visual Library

# תולדות.

## טעמא: נאציאנאליזם און רעליגיאן בא אידען. דאס ערשטע אהן דעם צווייטען קען נישט זיין.

דריי סארטען קינדער האט אונזער שטאם פאטער אברהם געהאט, יצחק, ישמעאל און די בני קטורה. אויף יצחק'ן זאגט אונז די תורה אין דער היינטיגער סדרה, ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק [1] דאס הייסט אז יצחק איז געווען א כבוד פאר זיין פאטער אברהם און אברהם איז געווען א כבוד פאר זיין זון יצחק, דער טאטי האט שטאלצירט מיט זיין זון און דער זון האט שטאלצירט מיט זיין פאטער, בא ישמעאל'ן זאגט אונז שוין די תורה, ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם [2] דא דערמאנט שיין נישט די תורה, אברהם הוליד את ישמעאל, אזוי ווי בא יצחק'ן, ווייל אויב אברהם איז נאך געווען א כבוד פאר ישמעאל'ן, איז אבער ישמעאל שוין נישט געווען קיין כבוד פאר אברהם'ן ווייל מיט א קינד וועלכער געהט נישט אין די וועגען פון זיין פאטער קען דער פאטער שוין נישט שטאלצירען, בא די בני קטורה זאגט שוין די תורה, ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה, [3] כל אלה בני קטורה, דא שטעהט שוין אפילו נישט דערמאנט אברהם'ס נאמען, ווייל אויב פאר ישמעאל'ן איז כאטש אברהם געווען א כבוד, אויב ישמעאל האט וועניגסטענס שטאלצירט וואס ער האט געהאט א טאטען אברהם, כאטש אברהם ניט מיט איהם נישט שטאלצירט, זענען די בני קטורה נישט געווען קיין כבוד פאר אברהם'ן און אברהם איז נישט געווען קיין כבוד פאר די בני קטורה, דער גייסט פונ'ם פאטער איז געווען גענצליך פרעמד פאר זיינע זין און דער גייסט פון די זין איז געווען פרעמד פון זייער פאטער.

איצט שטעלט זיך א פראגע, וואס פאר א סארט קינדער האבן מיר היינט, צו האבען מיר איצט אזעלכע קינדער ווי יצחק, וואס דער טאטי שטאלצירט מיט'ן זין און דער זין איז א כבוד פאר זיין טאטען, צו האבען מיר איצט אזעלכע זין ווי

1—3) בראשית כ"ה.

ישמעאל, וואס אויב דער טאטי איז נאך א כבוד פאר'ן זין, קען אָבער דער זין נישט מעהר זיין א כבוד פאר'ן טאטען. צו האָבען מיר נאָר אזעלכע קינדער ווי די בני קטורה, וועלכע דער טאַטי שעהמט זיך מיט זיינע קינדער און די קינדער שעהמען זיך מיט זייער טאטען ? אט די דאזיגע פראַגע איז זעהר א אנגעווייטיגטע מיט דיזער פראַגע בערירען מיר די נרעסטע וואונד פון כנסת ישראל אין דער געגענווערטיגע, צייט, ווען דער קאנטראסט פון פאָטער און זין איז בא אונז אזוי בולט, אז די פעטער שעהמען זיך מיט זייערע קינדער וועלכע זענען אוועק פונ'ם טראדיציאָנעלען אידענטום, פון דער אמת'ער אידישער קולטור און ערנעהרען זייער גייסט מיט פרעמדע שפייזען, און די קינדער שעהמען זיך מיט זייערע פעטער וועלכע שטעהען נאך אין תחום היהדות און טראגען אויף זיך דעם חתום היהדות.

א טיפער תהום איז לעצטענס געשאפען געוואָרן בא אונז צווישען אלטען און צווישען יונגען דור. בא יעדען פאָלק איז פארהאנגען א אלטער דור און א יוגענט, די ביידע זענען אבער איינפערשטאנען, דער עלטערער דור טראכט שטענדיג צו די פלענער ווי אזוי צו פארזיכערען דעם עקזיסטענץ פונ'ם פאלק און די יוגענט פירט אוים אין דער פראַקטיק די פלענער וואס די עלטערע טראכטען צו, אזוי זעהען מיר אין פאליטישען לעבען פון יעדען פאָלק, די מיניסטאָרען, דער פארלאמענט איז צוזאמען געשטעלט פון עלטערע ערפאהרענע מענשען אונטער זיי עקסיסטירט א מאסע בעאמטע גרעסערע און קלענערע וועלכע באשטעהען אם מייִנסטען פון יונגע קרעפטיגע כחות וועלכע ברייִנגען אין דער פראַקטיק זייערע באפעהלע, מערער בולט זעהט זיך ארוים די דאָזיגע זאך אין דער מיליטערישער וועלט, גענעראלען, קאָמאנדאנטען זענען עלטערע ערפאהרענע לייטע, וועלכע באפעהלען און אָרדנירען, ווערענד די סאָלדאָטען וואס פיהרען אוים אין דער פראַקטיק די ארדענס און באפעהלע פון זייערע אפיצירען זענען קאָנצענטרירט פון דער לעבעדיגער און קרעפטיגע יוגענד. שרעקליך איז די לאגע פון יענעם פאלק ווען עס רייסט זיך אריין א שפאלטונג צווישען דער יוגענד און די עלטערע, אין דיזען מאָמענט איז דאס גאנצע פאָלק אין א גרויסען געפאהר.

אונזער גרויסער און הייליגער פאָלקס פירער משה, האָט דאָס גוט פארשטאנען, און ווען פרעה האט איהם געפרעגט מי ומי ההולכים, האָט איהם משה באלד דארויף געענפערט בנערינו ובזקנינו נלך [1]) כל זמן משה איז נישט געווען פעסט איבערצייגט אין די פולשטענדיגע אחדות צווישען יונג און אלט בא אידען, האָט ער נישט געפריווט צו בעפרייען דאס פאָלק פון גלות מצרים, ערשט דאמאלס ווען ער האָט געזעהען דעם פאָלשטענדיגען אחדות צווישען יונג און אלט און ער האָט געקענט זאגען בנערינו ובזקנינו נלך, ערשט דאמאלס האָט ער מיט א פול־

1) שמות י׳.

שטענדיגע זיכערקייט געקענט ריידען פון די באפרייהונג פון זיין פאלק.

און דער ערשטער נאציאנאלער אומגליק פון אידען איז טאקע געווען דורך דעם וואס ס'האט אייגנעטרעטען א שפאלטונג צווישען דער יוגענד און די עלטערע.

שלמה המלך איז געשטארבען, אויף זיין קעניגליכען טהראן האט זיך געזעצט זיין זון רחבעם. באלד איז געקומען א דעלעגאציע פונ'ם פאלק בעטן באם נייעם קעניג ער זאל פארגרינגערן די שווערע מסאות וואס זיין פאטער שלמה האט ארויף געווארפען אויפ'ן פאלק, ער האט דארויף געענפערט, אז ער וועט זיי שפעטער מיט דריי טאג געבען א תשובה, אין דעם אינטערוואל האט זיך דער נייער קעניג בעראטען מיט די יוגענד וועלכע האבען איהם געהייסן געבען א שטרענגסען ענפער דער דעלעגאציע, ווייל אויב ער וועט זיי נאכגעבען זייער פערלאנג, וועט זיין מלוכה קיין קיום האבען, נאך זייער אנזיכט מוז דער קעניג זיין העכט דיספאטיש און זיך נישט רעכנען מיט'ן ווילען פונ'ם פאלק, און ווען די עלטערע האבען איהם געראטען, אז עס איז פיל גלייכער פאר א קעניג נישט צו זיין קיין דיספאט, נאר נאכגעבענ צו די פאלקס פארלאנגען, דערציילט אונז דער פסוק אויף רחבעם'ן, ולא שמע לעצת הזקנים וישמע לעצת הילדים [1] און רחבעם האט נישט געוואלט צו הערען צו דער עצה פון די עלטערע און געפאלגט די יונגע, וועלכע האבען איהם געלערענט צו געבען פאלגענדען שטרענגען ענפער, אבי יסר אתכם בשוטים ואני איסר אתכם בעקרבים [2] מיין פאטער האט אייך בעשטראפט מיט ריטער און איך וועל אייך בעשטראפען מיט דערנער. און וואס איז געווען דער רעזולטאט פון דעם דאזיגען דיספאטישען ענפער וואס רחבעם האט געגעבען דער דעלעגאציע לויט די יוגענד האט איהם געראטען? דאס פאלק האט זיך רעוואלטירט, זיי האבען גע־בראכט א קאנקורענט אויף דעם אידישער מלוכה, ירבעם'ן, און די אידישע מלוכה איז צוריסען געווארען אויף צווייען, וועלכע האבען געפירט צווישען זיך שטענדיגע מלחמות און פארערגט און פאראומגליקט דאס פאלק.

אויך אין די שפעטערע צייטען, פאר'ן חורבן בית שני האט זיך געצויגען דער אומגליק פונ'ם פאלק דורך דעם וואס ס'איז געווארען א שפאלטונג צווישען די יוגענד און דעם עלטערען דור, די יוגענד האט זיך אווארף געטאן מיט א גרוי־סען אימפעט צו דער אסימילאציע, זיי האבען פערווארפען די אידישע מנהגים, די טראדיציע פון זייערע אבות און האבען אנגענומען פרעמדע מנהגים, זיי האבען גע־ווארפען א אום־חן אויף זייער אייגענער קולטור און זיך א ווארף געטאן מיט א גרויסען ברען צו די גריקישע און רוימישע קולטורען, און עס איז ענטשטאנדען צווי־שען אידען צוויי פארטייען, פרושים און צדוקין, די יוגענד האט זיך גראפירט אונ־טער דער פאן פון דער דאמאלסדיגער אסימילאציע און האבען געבילדעט א בעזונדערע

1-2) מלכים א. י"ב.

פּעקטע צווישען אידען מיט'ן נאמען צדוקין, ווערענד דער עלטערער דור זענען גע־בליבען טריי די טראדיציע פון זייערע עלטערן אין האבען זיך גראפּירט אונטערן נאמען פּרושים. און האט די דאזיגע טיילונג פון יונג און אלט האט פאראורזאכט אז עס זאל פאַרגאסען ווערען טייכען אידיש בלוט, די צדוקין זענען געווארען די פארביסענסטע שונאים פון די פּרושים, זיי האבען איינגעפירט פרעמדע זיטען און פרעמדע מנהגים, מבטל געווען פיל מצות פון דער תורה, החתונה געהאט מיט פרעמדע פרויען און פיל פון זיי האבען זיך אויס געשמד, געלייקענט אין נאט פון ייערע אבות און אָדאפּטירט פרעמדע תורות, פרעמדע זיטען און פרעמדע מנהגים.

גרויס און שרעקליך זענען געווען די צרות וואס די אסימילאַנטען און משומדים האבען געבראַכט אויפ'ן אידישען פאלק, קיין פרעמדער שונא האט קיינמאל נישט געוואוסט אויף אַזוי פיל שלעכ'ן טאָן די אידען ווי די אייגענע שונאים האָבען דאס געוואוסט צו טאָ', משומדים האָבען תמיד געזוכט אויסצוטראַכטען אויף אידען בלבולים און ברייננען אויף זיי גרויסע צרות, די שנאה פון די משומדים צו זייערע אמאָליגע גלויבענסגענאס'ן האָט געברענט מיט א העליש פייער, דא פאַסט זעהר דער אנעקדאָט וואס ווערט דערציילט וועגען א משומד, א משומד איז א מאָל פאר־משפט געוואָרען פאר אַ גרויסען פארברעכען צום טויט, דורך היינגען, א טאָג פאר'ן היינגען, האָט מען איהם נעפרעגט זיין לעצטען פערלאנג, טיין לעצטער פערלאנג האָט דער משומד געענפערט, איך זאל צוריק אויסקומען און צוריק ווערען א איד מ'האָט איהם באלד געבראכט א רב און ער האָט איהם צוריק מגייר געווען, אויפ'ן אנדערען טאָג פאר'ן היינגען האָט מען איהם ווידער געבראַכט דעם רב ער זאל מיט איהם זאגען ודוי פאר'ן טויט, אבער אַנשטאט צו זאגען ודוי האט דער משומד א שפיי געטאן דעם רב אין פנים און איהם פון זיך פארטריבען, וואס הייסט דאס ? האט מען דעם משומד געפרייגט, ערשט נעכטען האסטו אליין פארלאנגט מ'זאל דיך צוריק מאכען פאר א איד, און היינט טרייבסטו פון דיר דעם רב און שפּייסט איהם אין פנים. אמת — האט דער משומד, געענפערט — איך בין טאקי נעכטען אויסגעקומען, דאס האב איך אבער געטאן צוליב א אנדערע זאך, איך האב געוואלט —פארשטייט איהר מיך,— אז ווי באלד ס'איז שוין ארוים די גזרה מיך אויפצו־הענגען איז אייהער צו היינגען א גוי, זאל מען בעסער איפהיינגען א איד ... דיזער אנעקדאט כאראקטיריזירט מיט לעבעדיגע פארבען די פייערדיגע שנאה פון די משומדים צו זייערע געוועזענע ברידער.

אזוי געפונען מיר אין אונזער בלוטיגע היסטאָריע פיל אומגליקען וועלכע האבען זיך געצויגען נאר פון די שפּאלטונג וואס ס'האט זיך געשאַפען צווישען עלטערען און יונגען דור, איצט שטעהען מיר ווידער אויף א זא שטאנר, טיעף און ברייט איז איצט דער תהום צווישען אונזער היינטיגע יונגנד וועלכע האט אינגאנצען

פערוואָרפען די טראַדיציע פון אונזערע אבות, פיל קאָנצענטרירען זייער גאַנצע אידישקייט נאָר אין נאַציאָנאַלען געדאַנק, ווערענד דעם טעמפעל פון אונזער רעליגיע, דעם קדשי קדשים פון אונזער אמונה פאַרשוועכען זיי און טרעטען מיט די פיס אַלע הייליגסטע פון אונזער דת, און דער עלטערער דור, וועלכער איז נאָך אין א געוויסען מאָס צוגעבינדען צו דער טראַדיציע פון זייערע אבות, שרייט אַזוי ווי אונזער מוטער רחל האָט געזאָגט, הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי [1]

אויב אונזער יוגענד וועט געהען ווייטער אויף דיזען וועג וועט דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום אבשטאַרבען און די פּראַקטיק האָט שוין באַוויזען אַז דאָס אידענטום קען זיך נישט האַלטען אויפ'ן בלויזען נאַציאָנאַליזם, אויך אונזער תורה האָט זיך דייטליך אויסגעשפּראָכען איהר פּראָטעסט געגען די וועלכע ווילען שטעלען זייער גאַנצע אידישקייט נור אויף נאַציאָנאַליטעט אָהן רעליגיע און דת, אַזאַ אידישקייט קען נישט אויסגעהאַלטען ווערען, אַזוי זאָגט דייטליך דער פּסוק, הם קנאוני בלא אל ואני אקניאם בלא עם [2] דאָס הייסט אין קלאָרע דבורים, אַז דאָס אידענטום וועלכעס איז געבויעט אויף בלויזען נאַציאָנאַליזם, בלא אל, אָהן גאָטהייט, אָהן רעליגיע, אָהן אמונה, אָהן דת. די ענדע פון אַזאַ אידישקייט איז, אַז עס בלייבט אויך בלא עם, אָהן נאַציאָנאַליטעט.

לויט דעם פאַרשטעהען מיר זעהר א אינטערעסאַנטער מאמר פון אונזערע חכמים, אויפ'ן פּסוק, כי ה' אלהיכם הוא ההולך לפניכם [3] זאָגען אונזערע חכמים, הם באים בנצחונו של בשר ודם, ואתם באים בנצחונו של מקום, פלשתים באו בנצחונו של גלית ומה היה סופו? שנפל בחרב והם נפלו עמו, אבל אתם אינו כן, כי ה' אלקיכם הוא ההולך לפניכם [4] זיי, די פלשתים, האָבען זיך סומך געווען אויף דער גבורה פון א מענשען, פון גלית, איז זייער גבורה מיט זיין פאַלק געפאַלען פאַר דער שווערד, אבער איהר, אידען, קומט מיט'ן בטחון אויף גאָט, דאַריבער האָט איהר זיי מנצח געווען, אין דיזען מאמר האָבען אונזערע חכמים קלאָר און דייטליך אַרויס געזאָגט דעם דערמאַנטען געדאַנק, אַז מיט בלויזען נאַציאָנאַליזם וועלכער איז באַזירט נור אויף קערפּערליכע גבורות, קען מען נישט אבהאַלטען קיין זיכערען זיג, ווייל קערפּערליכע גבורות קענען א מאָל אבגעשוואַכט ווערען, אַזוי ווי ס'האָט פּאַסירט מיט די פלשתים, זיי האָבען זיך סומך געווען אויף די קערפּערליכע גבורה פון גלית, און זיי זענען מיט איהם צוזאַמען געפאַלען נישט אַזוי טרעפט זיך אבער מיט רעליגיעזע געפיהלען, וועלכע זענען באַזירט אויף אמונה און בטחון אין גאָט, אַזעלכע געפיהלען קענען קיין מאָל נישט אבגעשוואַכט ווערען, דער ענטוזיאַזם פון אמונה און גלויבען מוז אבהאַלטען דעם גרעסטען נצחון, דאָס האָט בעוויזען די מלחמה פון דוד מיט גלית, דער ערשטער איז געקומען מיט

1) בראשית כ"ג. 2) דברים י"ט. 3) שם שם. 4) סוטה מ"ב.

געטליכע גבורה און האט דאריבער אבגעהאלטען א זיג אויף גלית'ן וועלכער האט זיך סומך געווען אויף בלויזע קערפערליכע גבורה.

דערמיט פארשטעהען מיר אויך א צווייטען מאמר פון אונזערע חכמים, די גמרא דערציילט אונז, מעשה ברבי יהושע בן חנניא שהלך לכרך גדול שברומי אמרו לו תינוק אחד יש בבית האסורים יפה עינים וטוב רואי וקויצותיו סדורות לו תלתלים, הלך ועמד על פתח בית האסורים ואמר, מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים [1] ענה אותו תינוק ואמר, הלא ה' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו, [2] אמר, מובטחני בו שמורה הוראה בישראל, העבודה שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקין עליו אמרו, לא זז משם עד שפדאו בזמן הרבה ולא היו ימים מעטים עד שהורה הוראה בישראל ומנו ר' ישמעאל בן אלישע [3] דער גרויסער תנא ר' יהושע בן חנניא איז א מאל געווען אין רוים, האט מען איהם געזאגט אז א אידיש יונגעל איז פארשפארט אין אסטראג, א יונגעל מיט שעהנע אייגאליך, א שעהנעם אויסזעהען און מיט געקרייזעלטע שווארצע האר, איז ער געגאנגען און האט זיך געשטעלט אויף דער טיר פונ'ם געפיינגנים און האט געפרעגט דאס קינד ווער האט געגעבען יעקב'ן מ'זאל איהם טרעטען מיט די פיס און אז ישראל זאל געריבט ווערען, ? האט איהם דער יונגעל געענטפערט, דאס האט געטאן דער גאט פאר וועלכען מיר האבען געזינדיגט, און מיר האבען נישט געוואלט געהען אין זיינע וועגען און מיר האבען נישט צו געהערט צו זיין תורה, האט רבי יהושע געזאגט איך בין זיכער אז דער יונגעל וועט זיין א וועג-ווייזער פאר אידען, איך שווער אז איך טרעט נישט אב פונ'ם פלאץ ביז איך וועל איהם נישט אויסלייזען פאר וויפיל געלד מ'וועט פאר זיין באפרייהונג פארלאנגען, און אונזערע חכמים זאגע, אז ר' יהושע בן חנניא איז טאקי נישט אוועק געגאנגען ביז ער האט דאס יונגעל נישט אויסגעלייזט און אז ס'האט נישט געדויערט פיל ביז ער איז געווארען א אידישער וועג ווייזער, און דאס איז געווען ר' ישמעאל בן אלישע.

איך וויל נישט אנפרעגען א אפען מיט פראגען אויף דיזען מאמר, איך וויל נאר באמערקען איין זאך, אז דאס ווארט תינוק וואס איז אומעדום טייטש א קליין קינד איז גראד דא די מיינונג א „יונגעל" אזוי ווי מיר געפונען דער פסוק רופט אן גרויסע אויסגעוואקסענע יונגען מיט'ן נאמען „ילדים" אזוי זאגט דער פסוק בא רחבעם'ן וישמע לעצת הילדים [4] האטש זיי זענען שוין געווען אויסגעוואקסענע גרויסע יונגען רופט ער זיי אן ילדים, אזוי מיינט אויך דא דאס ווארט „תינוק" א אויס־געוואקסענעם יונגען בחור, א סימן אז ער איז געווען קווצותיו תלתלים לו שחורות, אויסגעפוצט מיט א שווארצע סארקעמטע פריזור, וואס דאס איז נור מעשה בחור נישט פון א קליין קינד. דיזער באמערקונג האב איך געמוזט מאכען אום מיר

1) ישעי' מ"ב. 2) שם. 3) גיטין נ"ח. 4) מלכים א. י"ב.

זאלען נריגדליך פארשטעהען דעם דאזיגען מאמר.

דאס איז שוין א גאנץ אלטער וכוח צווישען אונזער יוגענד און דעם עלטערען דור, די יוגענד געהט מיט דעם גאנג, אז דער גאנצער אומגליק וואס די אומות העולם האבען אונז אזוי פיינד געמט זיך נאר דערפון וואס מיר זענען אבגעזונדערט פון זיי, מיר עסען נישט זייערע מאכלים, מיר טרינקען נישט זייערע משקאות מיר זענען זיך נישט מיט זיי משדך, וואלטען מיר זיך מיט זיי גענצליך אסימילירט וואלטען מיר געלעבט מיט זיי צוזאמען וואלט אינגאנצען פארשווינדען די שנאה פון די פעלקער צו אונז און עס וואלט קיין אנטיסעמיטיזם נישט עקסיסטירט אויף דער וועלט, דער עלטערער דור, זאגט אבער, ניין, דער גאנצער אומגליק און די גאנצע שנאה פון די פעלקער צו די אידען נעמט זיך נאר דערפון וואס די אידען אסימילי־ען זיך מיט זיי, פערלאזען זייער תורה, זייערע מנהגים און אדאפטירען פרעמדע תורות און פרעמדע זיטען, דערמיט וואס מיר דערנעהענטערן זיך צו פיל צו די אומות העולם זענען מיר גורם זייער שנאה צו אונז. וואלטען אידען געהיט זייער אייגענע תורה און זייער אייגענע קולטורע, וואלטען די אומות העולם נאר נישט געהאט מיט אונז און די תורה וואס מיר וואלטען געהיט וואלט אונז נאך מעהר געהיט און קיינער וואלט אונז נישט געקענט טאן קיין שלעכטס.

רבי יהושע בן חנניא האט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית שני, אין דער צייט ווען עס האט זיך געבילדעט צווישען אידען צוויי סעקטען, די צדוקין און די פרושים, ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט זיך די יוגענד א ווארף געטאן מיט איהר גאנצען ברען צו דער אסימילאציע זיי האבען אנגענומען אלע פרעמדע מנהגים פון די רוימער און די גריקען און זיי האבען פארמירט די סעקטע מיט'ן נאמען צדוקים, ווערענד די פרושים זענען בעשטאנען פון די יעניגע אידען פונ'ם עלטערען דור וועלכע האבען מיט זייערע אלע קרעפטען פארטיידיקט די טראדיציע און די אמונה פון זייערע אבות, און ווען די רוימישע מאכט האט פארשפרייט איהר שווארצע ממשלה איבערן אידישען לאנד פארברענט דעם בית המקדש און פארגאסען טייכען אידיש בלוט און פארטריבען פיל פון די גרעסטע חכמי ישראל קיין רוים, דאמעלס האט זיך צוברענט דער וכוח צווישען די אסימילאנטען און די תורה טרייע אידען, יעדער פון די צוויי פארטייען האבען ארויף געווארפען די פאראנטווארטליכקייט פון די אידישע אומגליקען אויף דער אנדערער. דיזער וכוח איז געוועזן א טאג פראגע וועלכע האט דאמאלס באשעפטיגט אלע מהות.

רבי יהושע בן חנניא אליין איז געוועזן איינער פון די חכמי ישראל וואס זענען פארטריבען געווארען פון ארץ ישראל קיין רוים, וייענדיג אין רוים האט מען איהם דערציילט אז איינער פון די וואוילע יונגען א געפיצט בחור'ל א קאמפלעקטער אסימילאנט, געקליידעט נאך די לעצטע מאדע, מיט געקרייזעלטע האר

איז אויך אין געפענגנעס, דאמעלס איז רבי יהושע בן חנניא געגאנגען און האט זיך געשטעלט אויף דער טיר פונ׳ם אסטראג און געפריינט דאס בחורל, זאג מיר נאר די אסימילאנטעל, מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים, וועלכעס איז די ריכטיגע סבה וועלכע פעראורזאכט די אידישע אומגליקען, מיר, תורה טרייע אידען וואס מיר היטען אונזער דת. צו איהר וואוילע יונגען וואס איהר דינט טריי דעם אבגאט יין דער אסימילאציע, איך זעה, האט איהם רבי יהושע בן חנניא געזאגט, אז אייער אסימילאציע האט אייך גאר נישט געהאלפען און אפילו אזא געפוצטער אסימילאנט ווי די ביזט איז אויך אין אסטראג און די שנאה פון די רוימער צום אידישען פאלק שוינעוועט דיך אויך נישט, זאלסטו מיר דאדיבער מו״ה זיין ווער ס׳איז שולדיג אין די אידישע צרות, צו די תורה טרייע אידען צו איהר אסימילאנטען וואס איהר פארווארפט די תורה פון אייערע אבות, יא רבי—האט איהם דער אסימילאנטישער בחור געענפע״ט, איך בין מודה, איך זעה אז מיין גאנצע אסימילאציע האט מיר גאר נישט געהאלפען, איך זעה אז די ביזט גערעכט רבי, די סבה פון די אידישע צרות איז, הלא ה׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו, וואלטען מיר געהיט די תורה אין נישט פארכאפט געווארען אין דער נעץ פון דער פארשאלטענער אסימילאציע, וואלטען מיר נישט צוגעקומען צו די אלע אומגליקען. ווען ר׳ יהושע בן חנניא האט דערהערט אז דער אסימילאטארישער בחור איז מודה, אז נור די אסימילאציע איז שולדיג אין די אידישע אומגליקען, האט ער מיט א גרויסען צופרידענהייט אויסגערופען מובטחני שיהי׳ מורה הוראה בישראל, אט דער אסימילאטארישער בחור וועלכער האט אנערקענט דעם אמת, דער וועט קענען זיין דער ריכטיגער וועג ווייזער פאר די וואס בוקען זיך צום אבגאט פון דער אסימילאציע, דיזער בחור וועלכער א״ז אויך געווען א אסימילאנט און האט צום סוף אנדערקענט די פאלשקייט פון דער אסימיליאציע, ער וועט זיין אומשטאנד אום צו קערען די יונגענד אויפ׳ן ריכטיגען וועג אין זיי ווייזען דעם אמת׳ן דרך, און עס איז דאריבער ווערט איך זאל געבען וויפיל מ׳פארלאנגט פאר איהם און איהם בעפרייען, און רבי יהושע בן חנניא האט טאקע אויסגעלעזט דעם דאזיגען ב״ור וועלכער איז שפעטער געווארען דער וועג ווייזער, דער לעהרער פונ׳ם אידישן פאלק, בעקאנט מיט׳ן נאמען ר׳ ישמעאל בן אלישע.

ס׳איז געווען א צייט וואס אידן האבן געמיינט אז דערמיט וואס זיי וועלן זיך וואס מעהר דערנעהענטערן צו די אומות העולם און וואס מעהר דערווייטערן זיך פון זייערע אייגענע קולטור, פון זייערע אייגענארטיגע זיטען און מנהגים, וועט זיי אלץ בעסער געהען, זיי וועלען דורכדעם געפונען חן אין די אויגען פון די פעלקער און עס וועט זיי נאר וואויל געהען אין די גלות לענדער. איז אבער געקומען, דער דייטשער היטלעריזם און האט באוויזען דעם פאלימענט פון דער אסימילאציע

דער דייטשער ראס־סם האט באוויזן, אז אומזיסט וועלן זיך אידען באמיהען מיט
אלע מיטלען זיך צו פאראייניגען מיט די גוים, זיי, די פעלקער וועלן קיינמאל
נישט ליב האָבען די אידען, דאס איז א שנאת עולם לעם עולם, א אייביג פיינד־
שאפט צום אייביגען פאלק, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען, למה נקרא שמו סיני,
מפני שירדה שנאה לישראל לעולם, [1]) דאריבער הייסט דער בארג אויף וועלכען
דאס אידישע פאלק האט מקבל געווען די תורה, סיני, פון לשון שנאה, פיינד־
שאפט. ווייל פון יענעם מאמענט ווצס אידען זענען געווארען א פאלק מיט א אייגע־
נער תורה, האבען זיי די פעלקער אנגעהויבען פיינד צו האבען דא קומט פאר פונקט
אזוי ווי ס'האָט געטראפען מיט יענעם שדכן, מ'דערציילט אז אין א שטעטעל האט
געוואוינט א איד א יורד, וועלכער איז פון אלע זיינע אמאליגע געשעפטען געבליבען
אהן פרנסה, זייענדיג א חסיד איז ער געפאהרען צום רבין, ער זאל איהם ראהטען צו
וואס פאר א פרנסה ער זאל זיך נעמען, דער רבי האט איהם געראהטען, אזוי ווי
צו יעדער מסחר מוז מען דאך האבען געלד און ער, דער איד, האט קיין געלד
נישט, איז דער בעסטער פלאן פאר איהם ער זאל ווערען א שדכן, דאס איז אזא
באשעפטיגונג צו וועלכען מען נויטיגט זיך נישט אין קיין געלד, דעם אידען איז
געפעלען די עצה פונ'ם רבין און איז א היים געפאהרען גאנץ צופרידען, ער האט
שוין ב"ה א פרנסה און אז השי"ת וועט איהם נור געבען הצלחה, האט ער שוין
נישט וואס צו זארגען, איצט האט דער איד אנגעהויבען צו טראכטען וועגען איין
זאך, וואו נעמט מען שדוכים? אויף א מאל איז ער אבער פריילינג געווארען און
זאגט צו זיין פלוניתטע, הערסט, א גליקליכער געדאנק איז מיר איינגעפאלען, ס'קען
זיין מיר זאלען רייך ווערען, די ווייסט דאך אז דער נגיד פון אונזער שטעטעל,
האט זעהר א געראטענע בת יחידה און ער וויל זעהר א שדוך טאן מיט איהר, איז
מיר איינגעפאלען איהםריידען א שדוך, און זעהר א וואוילען שדוך, די קענסט
דאך דעם אוקריינער בחור וועלכער זיצט אין בית המדרש יומם ולילה אין לערענט,
א גרויסער מתמיד און דערצו זעהר א פרומער, פאסט תעניתם און פראוועט מקוואות
און האט כסדר אין זינען יענע וועלט, איז מיר איינגעפאלען איך זאל פארגעבען
דיזען בחור דעם נגיד פאר זיין טאכטער נור איין זאך האב איך מורא, זאגט
ווייטער דער איד צו זיין באשערטער, לויט מ'רעדט אין שטאט איז דער נגיד שוין
א היינט וועלטינער, דאווענט נישט בצבור און לייגט נישט קיין ובינו תם'ס תפילין,
און אויף זיין בת יחידה זאגט מען אז זי קען שוין פראנצויזיש, געהט אין טעאטער,
קען זיין אז דער בחור וועט נישט וועלען דעם שדוך, ווייל דער מחותן און די כלה
זענען נישט גענוג פרום, נור שא מיין ווייב, איך האב א עצה, און אויב די עצה
וועט מיר געראטען איז מיין פארדינסט געזיכערט, און מיר וועלען שוין אויף די

---

1) שבת פ"ט.

עלטערע יאהרען נישט האבען וואס צו זארגען, איך וועל איינרעדען דעם בחור, אז אדרבה, ווייל דער גביר מיט זיין טאכטער זענען נישט גענוג פרום, דארף ער טאן דעם שדוך, ווייל אויב ער וועט א חתן ווערען פאר'ן גביר'ס טאכטער וועט ער זיי אלע פרום מאכען, און קיין גרעסערע מצוה פון מזכה זיין את הרבים איז נישט פאראהאנען, מיט דיזען געדאנק איז דער איד אוועק צום בחור אין בית המדרש, און איהם פאר'געלייגט דעם שדוך מיט'ן גביר'ס בת יחידה'קע, אבער ווי איבעראשט איז דער שדכן געווארען, אז ער האט דערהערט ווי דער בחור איז תיכף מסכים אויפ'ן שדוך אין ער האט גאר נישט גויטיג דעם דערמאנטען ארגומענט, פון מזכה את הרבים זיין, דער שדכן איז אוועק אהיים מיט גרוים שמחה און האט איבערגעגעבען זיין ווייב די בשורה, אז דער אוקריינער בחור איז מסכים צום שדוך, און אז ס'בלייבט נור איבער ער זאל ארויף געהען צום גביר, ער זאל איהם באשטעטיגען א צייט ווען עס זאלען זיין די תנאים למזל.

דער שדכן האט טאקי נישט געווארט קיין סך, זיך שוין אנגעטאן די שבת'דיגע קאפאטי, זיך אויסגעקעמט די בארד און פאות, גענומען דעם זאנטאג (שירים) אין האנד, אנגעפילט דאס פישקאלע מיט טאביקע, און איז מיט א פרייליכע שטימונג ארויף געגאנגען צום גביר, דער גביר מיט זיין פאמיליע זענען דאמעלס געזעסען באם טיש, ווען דער שדכן האט געעפענט די טיר, האט מען איהם עמפפאנגען מיט א שעהנעם ברוך הבא, זיצט ר' יענקיל, א גאסט בא אונז אין שטוב, עפיס נייעס ? זאגט...

ר' יענקיל האט זיך געגעגען א גלעט די בארד, מעשה שדכן, און זאגט צום גביר, פארשטעהט איהר מיך, אזוי ווי איך ווייס אז איהר ווילט זעהר א שדוך טאן מיט אייער איינאינאייציגע טעכטערל, זאל לעבען, בין איך אייך געקומען אנגעבען זעהר א פיינעם שדוך אזוי ווי עס פאסט פאר אייך — מהיכי ת'תי — האט דער גביר געענפערט מיט א שמייכעל — לאמיר הערען — איך מוז אייך אבער מקדים זיין — גביר לעבען — זאגט ווייטער דער שדכן, אז פון דעם שדוך וואס איך געב אייך אן קענט איהר און אייער טאכטער און אייער גאנצער סימייסטווע ב"ה זעהר פיל פראפיטירען, — נו, ווער איז דער שדוך לאמיר הערען — האט דער גביר שוין אביסעל נייניירינ געפרעגט...

אבער איהר פארשטייט שוין אליין רבותי אז ווי באלד דער שדכן האט נור דערמאנט דעם נאמען פונ'ם חתן, איז דער גביר מיט זיין גאנצער פאמיליע געווארען מלא כעס, און פשוט אהן צערעמאניעס אנגענומען דעם שדכן בא די פלייצעס און איהם אראב געשלידערט אלע טרעפ.

דעם נארישען איד האט זיך גאר נישט געחלומט, ס'איז איהם אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען, אז דער גביר מיט זיין בת יחידה וועלען נישט וועלען

אפילו הערען פונ'ם אוקריינער בית המדרש בחור, ער האט נור נעהאט א זארג אז דער בחור זאל וועלען דעם שדוך...

דאס זעלבע האט פאסירט מיט אונזערע אסימילאנטען, זיי האבען געמיינט אז די גאנצע מניעה איז נור פון זיי. אבער,ווי באלד אז זיי וועלען נור מסכים זיין זיך משדך זיין מיט די אומות העולם וועלען די לעצטע אויך באלד מסכים זיין, זיי האבען נישט נחלום'ט, אז די מניעה קען נאר זיין פון די פעלקער, אז עס קען נאר ענטשטעהען א היטלעריסם מיט א ראסיסם, וועלכער זאל פשוט איינפאך אן נעמען די אידישע אסימילאנטען בא די פלייצעס און מיט זיי א שליידער טאן, אזוי ווי יענער נביר האט ארויס געווארפען דעם נארישען שדכן פון זיין הויז...

און אידען פון דער גאנצער וועלט וואלטען בעדארפט פיל לערנען פון דעם וואס האט פאסירט אין דייטשלאנד. אידען וואלטען בעדארפט קאנצענטרירען זייער אלע כחות און זייער גאנצע ענערגי צו קאנסערווירען אונזער טראדיציאנעלע היילינטימער, וויל אבער דער יונגער דור אונזערער נישט וויסען פון דעם אלעמען און שמייכלען זיך ווייטער צו צי דער פערשאלטענער אסימילאציע.

אבער ווער טראגט די פעראנטווארטליכקייט וואס אונזער יונגער דור איז אזוי צו צולאזען און איז פון אונז אזוי דערווייטערט? די פאראנטווארטליכקייט טראגט טאקי ווידער דער עלטערער דור וועלכע פארנאכלייסיגען די ערציונג פון זייערע קינדער, כל זמן די אידישע טאטע מאמעס האבען געהאלטען אפען זייערע אויגען אויפ'ן חנוך פון זייערע קינדער האט טאקי אויסגעוואקסען א דור פון אכת'ע אידען, אין די לעצטע צייטען אבער ווען אידישע טאטע מאמעס האבען פארמאכט די אויגען פון די ערציונג פון זייערע קינדער, זענען אונזערע קינדער אוועק פון אונז און ס'איז ענטשטאנדען א שרעקליך טיפער תוהום צווישען אונזער יוגענד און עלטערען דור און די עקסיסטענץ פונ'ם גאנצען אידענטום איז דאריבער אין א גרויסער סכנה, וייל פונקט ווי בא א איינציילען מענש איז זיין גאנצער לעבען נאר געצילט וועגען צו לערנען זיינע קינדער דעם גוטען וועג, זאנסט איז גאר א שאנדע וואס ער לעבט אויף דער וועלט אזוי איז דער ציל פונ'ם לעבען פונ'ם גאנצן פאלק נאר צי לערנען די יוגענט דעם אמת'ן ריכטיגען וועג פון אמונה און גלויבען.

איך דענק אז עס איז שוין די העכסטע צייט אידען זאלען טראכטען צו פארבעסערן דעם חנוך פון אונזערע יוגענד און דאן וועלען אונזערע קינדער זיין אין דער בחינה פון יצחק אויף וועלכען די תורה זאגט, אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק, דער טאטי וועט זיין א כבוד פאר'ן זין און דער זין וועט זיין א כבוד פאר'ן טאטען.

# לקוטים ממבחר הדרושי·

## על הפסוקים ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשה הקודמת

## תולדות·

א) ואלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק (בראשית כ"ה) במדרש, הה"ד, גיל יגיל אבי צדיק ויוליד חכם ישמח בו. (משלי) הגאון מלבי"ם ז"ל הורה לנו ההבדל בין גילה ושמחה, כי גילה היא השמחה העוברת הפתאומית, והשמחה היא שמחת הנפש התמידית, והנה אם יאושר האב והוליד צדיק הלא גיל יגיל גילה אחר גילה ודיצה אחר דיצה אבל עוד לא ישמח שמחה עולמית, אבל אם הבן הצדיק הזה יוליד ג"כ בן חכם, אז ישמח בו האב הזקן שמחה תמידית, כמ"ש מי שהוא ת"ה ובנו ת"ח ובן בנו ת"ח וכו' שנא' לא ימישו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם, וכמש"ה, עטרת זקנים בנים, וז"פ הפסוק, גיל יגיל אבי צדיק כי האבי צדיק רק יגיל גילה עוברת בלתי תמירית, אבל, ויוליד חכם, אם הצדיק הזה יוליד ג"כ בן חכם, אזי ישמח בו האב הזקן שמחה שלמה ותמידית, כי זכה לבנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, והנה אברהם הוליד את יצחק ושמח בו שמחה אין קץ רק אחר שראה תילדותיו מעשי ידיו להתפאר כי ירע כי ביתו נעשה אכסניא של תורה ושל יראת שמים, ותורה חוזרת על אכסניא שלה· [1]

ב) ובזכרנו ההבדל בין גילה לשמחה, אזכיר פה מה שאמרתי פעם באחת מדרשותי ביאור על אגדה נפלאה מאר, והיא במסכת (סוכה מ"ח) הני תרי מיני חד שמי' ששון והד שמי' שמחה, א"ל ששון לשמחה, אנא עדיפנא ממך, דכתיב ששון ושמחה ישיגו, א"ל ששון לשמחה אנא עדיפנא ממך, דכתיב, שמחה וששון ליהודים' א"ל ששון לשמחה יחד יומא שבקוך ושווייך פרוונקא (שליח) דכתיב, כי לשמחה תצאו, א"ל שמחה לששון חר יומא שבקוך ומלו בך מיא דכתיב, ושאבתם מים בששון, א"ל ההוא מינא דשמי' ששון לר' אבוהו, עתידו דתמלו לי מיא בעלמא דאתי, דכתיב ושאבתם מים בששון, א"ל מי הוה כתיב לששון כרקאמרת, השתא דכתיב בששון, משכי' דההוא נברא משוינן לי' גורא (נד) ומלינן בי' מיא

1) הרה"ג ר' זאב צבי קליין·

ע"כ. אך למותר הוא להוכיח זרות המאמר הזה, והוכוח שבין הני תרי מיני ששו ושמחה שהשתמשו בהפסוקים שנזכר בהם שמותיהם וגם סיום המאמר שאמר ששון לר' אבוהו ומה שהשיב לו אינו מובן, ואמרתי עפ"י הידוע ששתי שיטות שררו בימים מקדם ועקבותיהם נודעו גם היום, לפי השיטה האחת, העיקר הוא הנפש, אבל הגוף כל מי שמסגפו ביותר הרי זה משובח, והאוחזים בשיטה זו כלו עתותיהם בהתבודדות ביערות ומדבריות. בלי מזון, כסות ושלמה, והנה הדרך הזה הוא זר לרוח התורה היהדות, כי לא באלה חפצה תורת משה שהיא תורת חיים וכתיב וחי בהם ודרשו ר"זל ולא שימית בהם, כי כל חקי התורה מתאימים עם חיי האדם וצרכיו בזה העולם, והתורה כתבם רק השמר לך ושמור נפשך מאד, ושמעתי בשם גדול אחד פירוש הפסוק הזה, שלכאורה הוא כפל לשון: ואמר עפ"י הידוע שהתורה צותה לאדם לשמור גם את גופו גם את נשמתו, ושתהי' נשמה בריאה בגוף בריא, ועל בריאת הגוף כבר אמרו, ניזל ונגמול חסד להדא אכסניא דאית בגו ביתא (ויק"ר פל"ד) וגם אמרו חז"ל, כל היושב בתענית נקרא חוטא (תענית י"א) כי עפ"י התורה אסור לאדם לצער את עצמו, ולפ"ז נקרא הנזיר חוטא, כמ"ש וכיפר עליו מאשר חטא, מפני שציער עצמו מן היין, ומאי מי שציער עצמו רק מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר אעכ"וכ, בכל זאת צריך האדם ביותר להזהר בשמירת נפשו, כי את הגוף צריך לשמור במדה מוגבלת בלי הנאות מותרות לא כן שמירת הנפש שצריך אדם ליזהר בשמירתה כהנה וכהנה וכל המרבה בשמירות וזהירת נפשו הרי זה משובח, וידוע דאכין ורקין מעטין. וע"כ אמרה התורה, רק השמר לך, בנוגע לשמירת הגוף אמנם תשמור אותו, אבל לא במותרות ובתעניגים מרובים, אבל בנוגע לנשמתך, ושמור את נפשך מאד, את הנשמה תשמור במדה מרובה ובזהירות יתירה מאד. וכמו שפירוש הגר"א זצ"ל את הכתוב, ולא תאכל הנפש עם הבשר התורה הזהירה בזה, שלא יהיה האדם להוט אחרי האכילה, עד אשר יאכל וישחית גם את נפשו עם אכילתו את הבשר, מזה נשמע שדרך אלה שהתבודדו ופירשו א"ע מן הישוב, ודכאו וסגפו את גופם אינו לפי רוח התורה היהדות ולעומת השיטה הנזכרת, היא שיטת בעלי התאוה המסורים לחיי ותענוגי בשרים, אלה האומרים אכול ושתה כי מחר נמות, ומוסרים עצמם לחיים של הוללות שכרות וזימה וכל תאות נמבזות, והדרך הזה הוא בודאי נגד התורה, שמיוסדות על תורת המדות והמוסר, על עקרי האמונה בשכר ועונש ומציאת הנפש וכדומה.

והנה ההבדל בין השני השמות הנרדפים ששון ושמחה כפי שמובא בס חותם תכנות להבדרשי הוא כי ששון מורה על הנאת וחדות הגוף, ושמחה מורה על שמחת הנפש, ומעתה נאמר כי הני תרי מיני חד שמי' ששון וחד שמי' שמחה הוא כנוי לשני בני אדם העומדים בראש, השתי שיטות הנזכרות, כי זה שמחזיק בשיטת בעלי החומר המכחידים במציאת הנפש ומבלים עתותיהם רק בתאוות מהנאת

הנוף, שמו ששון, שמורה על הנאת ותעניני הנוף, והשני המחזיק בשיטת בעלי הנפש, המדכאים ומסגפים את הגוף, שמו שמחה, המורה על הנאת ושמחת הנפש ושני אלה התוכחו זע"ז. וכל אחד אמר אנא עדיפנא ממך ומביא ראיה לשיטתו מן הכתוב, זה מן הפסוק ששון ושמחה, שמזה שהכתוב מקדים ששון לשמחה היא ראיה ברורה שהעיקר היא רק הנאת הנוף, וזה מן הכתוב, שמחה וששון, שמזה משמע שהעיקר הוא שמחת הנפש, כי מקדים שמחה לששון, וכשראו שכל אחד מביא ראיה מן הכתוב לחוק שיטתו, הדשו וכוחם והביאו פסוקים חדשים, וששון אמר לשמחה, יומא חר שבקוך ושויך פרוונקי, רמז לו הזה כי הנפש הוא רק בבחינת שליח לשמש את הנוף שהוא העיקר, והביא לזה ראיה מן הפסוקים. כי בשמחה תצאו, אז פנה זה שהחזיק בשיטת בעלי הנפש, והביא פסוק המראה היפך שיטתו של מתנגדו. כי הגוף הוא טפל הנשמה כמ"ש. ושאבתם מים בששון, וכשראה זה שהחזיק בשיטת הגוף שלא יוכל לנצח את מתנגדו, פנה לאחד מחכמי ישראל מצוינים ר' אבוהו, ואמר עתידו דתמלו לי מיא לעלמא דאתי, והוכיח לו שבימים הבאים עת תתברר סוף כל סיף האמת לאמתו, אז יתברר כי הצדק אתו שעיקר הוא הנאת הנוף וכולם ישמשו לו לרביא לו מים ר"ל תענינים והנאות הגוף, דכתיב ושאבתם מים בששון, אבל ר"א השכיל להשיב לו תשובה נצחת. ואמר לו כי בששון כתיב, ויומא חר שבקוך ומלו בך מיא, ר"ל שהגוף בהנאותיו ישמש רק לקיום הנפש שהיא העיקר, לפי השקפת הדת היהדות שנפש בריאה תוכל להיות רק בגוף בריא. והבן [1])

נ) ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם, אשר ילדה הגר המצרית (בראשית כ"ה) אפשר לומר בזה עפי"מ שפירש הגר"א ז"ל את הכתוב, בן חכם ישמח אב ובן כסיל תונת אמו (משלי) דהנה אנו רואים ילדים שהם דומים בכל הענינים אל אביהם, ואם נראה ילד כזה נוכל לדעת מי הוא אביו, ויש ילדים שהם דומים בכל דבר לאמם, ועפ"י רוב נמצא שהילד שנברא מחלק האב והוא דומה לו בכל ענין, הילד הזה הוא חכם ואיש ישר, ולהיפך הילד שדומה לאמו ונברא מחלק האם, הוא בן לא חכם ועצל, ולכן אמר שלמה, בן חכם ישמח אב, מכיון שהוא דומה לו. ישמח לבו בחכמתו, ובן כסיל תונת אמו. כי מכיון שהוא דומה לה לכן יש לה תונה מכסילתו, וזש"ה ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם, כלומר הן אמנם שישמעאל ה"יה בן אברהם, אבל הבן הזה לא נברא מחלק אביו רק, אשר ילדה הגר המצית, שהיה דומה לאמו, ולא לאברהם, ולהיפך ממנו היה יצחק כי, אברהם הוליד את יצחק, כי הוא היה מחלק אברהם, ועפ"ז נבין מ"ש בילקוט (משלי) בן חכם ישמח אב, זה יצחק, ובן כסיל תונת אמו, זה ישמעאל. והבן. [2])

---

1) ד"ע. 2) דרה"נ רא"א יורלאוויץ נ"י־יארק.